אין אידיש

ערב שב"ק פרשת
נח
א' דר"ח מרחשוון שנת תשפ"ה

ויאמר אליהו

שמועסן און חיזוק ווערטער, אין אמונה און בטחון

מאת הרב **אלי' מאיר סמיט** שליט"א
ישיבת רבי חיים עוזר » « 347-897-9968 \ 058-323-1459

בס"ד

# אלעס וואס עס געשעהט פארן מענטש בפרט און אין דער וועלט בכלל, קומט אין שליחות פונעם בורא כל עולמים!!!

### » פארוואס האט דער לייב געביסן פאר נח?!

**עס** שטייט אין די וואכעדיגע פרשה (ז, כג) וַיִּמַח אֶת כׇּל הַיְקוּם וכו' וַיִּשָּׁאֶר אַךְ נֹחַ וַאֲשֶׁר אִתּוֹ בַּתֵּבָה. חז"ל הק' שטעלן זיך שוין מבאר צו זיין פארוואס שטייט די לשון 'אך נח'. און רש"י הק' איז מסביר ווי פאלגענד: "אך נח, נאר נח, דאס איז פשוט פשט. אין מדרש אגדה שטייט (בר"ר לב, יא) אז נח האט געקרעכצט און געפיגן בלוט, פון פיל טירחה זיך אפצוגעבן מיט אלע בהמות און חיות. און עס זענען דא וואס זאגן, אז ער האט פארשפעטיגט מיט געבן פאר לייב זיין פארציע, און ער האט איהם געביסן, (-און לויט דעם, דיווארט 'אך' מיינט צו זאגן א לשון פון 'מיעוט און חסרון', אז פון נח זעלבסט האט געפעלט א שטיקל, דורך די ביס פון די לייב), און אויף איהם זאגט די פסוק הֵן צַדִּיק בָּאָרֶץ יְשֻׁלָּם (משלי יא, לא.)".

**פשוט** פשט קוקן דאס מענטש אן, אז די סיבה פארוואס די לייב האט געביסן נח'ן, איז געווען ווייל ער האט איהם פארגעסן צו געבן צו עסן, און ער איז געווארן אזוי אויסגעהונגערט און אויפגערעגט אויף איהם. אבער לויט ווי מען זעהט אז רש"י פירט אויס מיט די ווערטער, 'אויף איהם איז געזאגט געווארן די פסוק הן צדיק בארץ ישולם' זעהט מען, אז פשט איז איגנאצען פארקערט, ווייל רש"י הק' דארט אויפן פלאץ זאגט פשט אויף דעם פסוק, אז דער צדיק ווערט באצאלט אויף דער וועלט אויף די עבירות וואס ער האט געטוהן. קומט אויס, אז רש"י הק' פארשטייט, אז די מעשה דא איז געגענגען איגאצן אנדערש, אז וויבאלד עס איז געווען א תביעה אויף נח אויף וואס ער האט פארגעסן צו געבן פארן לייב זיין פארציע אין צייט, דעריבער האט דער אייבערשטער געמאכט, אז דער לייב זאל איהם בייסן, כדי ער זאל אפקומען אויף דער וועלט. דאס הייסט, אז עס איז נישט פארגעקומען דא עפעס א נאטורליכע אקט פון זיך אויפרעגן פונעם לייב, וואס וועגן דעם האט ער געביסן, נאר ווייל דער אייבערשטער האט געזאגט פארן לייב אז ער זאל בייסן נח'ן, כדי ער זאל אפקומען אויף דער וועלט און ווערן ריין פון די מינדעסטע עבירה וואס ער האט נאר.

**אט** דער וועג פון לעבן, ווערט קלאר אויסגעשמועסט אין חז"ל, ווי אין מדרש שטייט (שוח"ט תהלים לז) אז אברהם אבינו האט געפרעגט שם בן נח, ווי אזוי זענט איר ארויס פון די תיבה, און ער האט געענטפערט אז דאס אלעס איז בזכות די צדקה וואס זיי האבן געטוהן אין די תביה מיט די בהמות און חיות און עופות. ווי נאר אברהם אבינו האט דאס געהערט האט ער זיך אנגערופן, מאדעך אז ווען נישט זיי וואלטן געטוהן חסד מיט די בהמות וואלטן זיי נישט ארויסגעגאנגען, און וויבאלד נח האט געשפעטיגט מיטן געבן פאר די לייב האט ער שוין באקומען א שטראף, איז אוודאי אלעס וואס עס געשעהט אויף דער וועלט איז נאר ווייל דער אייבערשטער האט מחליט געווען אזוי, אזוי ווי די גמ' זאגט (ברכות לג.) 'נישט דער ערוד הארגעט, נאר די עבירות הארגענען'.

**און** הרב ש"ך זצ"ל האט שוין געזאגט אז ער האט שוין א לאנגע צייט זיך געוואונדערט, ווי אזוי קען זיין אז אזויפיל סארטן באשעפענישן זענען געווען א יאר צייט אין די תיבה, און עס האט נישט אויסגעבראכן דארט קיינע מלחמות און שלעגערייען צווישן זיי, עס זענען דאך געווען בעלי חיים וואס פון נאטור פארציקען זיי אנדערע באשעפענישן.

**נאר** וואס דען, די גאנצע שאלה הייבט זיך נישט אן, ווייל דאס וואס חיות הארגענען איינע די צווייטע אז טאקע נישט ווייל דאס איז 'זייער טבע', נאר ווייל דער אייבערשטער וויל אז יענע און יענע חיה זאל ווערן געהארגעט, דעריבער שטעלט ער אויס אז ער זאל זיך געפונען נאנט צו אן אנדערע חיה וואס האט איהם פיינט, און אזוי ארום ווערט ער געהארגעט, און ווען נישט עס איז באשערט אז ער זאל שטארבן, וועט איהם קיינער נישט קענען הארגענען. און דאס איז געווען אין די תיבה, וויבאלד די אייבערשטער האט געוואלט אז קיינער זאל נישט ווערן געהארגעט, דעריבער האט טאקע קיינער נישט געהארגעט קיינעם.

**און** עס שטייט שוין אין **רד"ק** אויפן פסוק אין תהלים (תהילים קמה, יז) צַדִּיק ה' בְּכׇל דְּרָכָיו, אז מיר זעען קלאר אז בעלי חיים פארציקען איינע די אנדערע, אזוי ווי א קאץ עסט אויף א מייזל, און לכאו' ווי אזוי קען מען זאגן אויף דעם אז עס איז 'ריכטיג' און 'יושר'. נאר פשט איז, אז דער אייבערשטער וואס באשטימט פאר יעדע באשעפעניש ווילאנג ער דארף לעבן, שטעלט אויס אז ווען עס קומט די צייט פון דעם מייזל צו גיין פון די וועלט, קומט ער אן נאנט צו דעם קאץ, און אזוי ארום פארציקט איהם די קאץ, און דורך דעם באקומט אויך דער קאץ זיין פארציע עסן וואס ער דארף האבן. קומט אויס אז נישט די קאץ האט מחליט געווען צו פארשניידן די לעבן פונעם מייז פאר די צייט, נאר פארקערט, דער אייבערשטער איז מחליט ווען דער מייז דארף שטארבן, און ער שיקט איהם אויפן פלאץ ווי איינער גייט איהם צונעמען דאס לעבן.

**און** אין אמת'ן איז דאס א בפירוש'ער פסוק (איכה ג, לז-לח) מִי זֶה אָמַר וַתֶּהִי ה' לֹא צִוָּה, מִפִּי עֶלְיוֹן לֹא תֵצֵא הָרָעוֹת וְהַטּוֹב, און **רש"י** איז מפרש, "און אויב ווילסטו קומען זאגן אז נישט דורך דעם אייבערשטער איז געקומען צו מיר די שלעכטס, נאר עס איז א 'צופאל' וואס איז געשעהן, עס איז נישט אזוי, ווייל סיי די שלעכטס און סיי די גוטס, ווער איז דער וואס האט באפוילן און עס איז געשעהן, ווען נישט דער אייבערשטער האט דאס באפוילן".

**קומט** אויס, אז א מענטש דארף אריינווארצלן ביי זיך און אין זיין בני בית די ריינע אמונה אינעם אייבערשטער, איז ער איז 'עשה ועושה ויעשה לכל המעשים', און מקבל זיין אויף זיך אלעס וואס פאסירט אויף איהם מיט א שטארקע אמונה. און אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים (לא, טז) בְּיָדְךָ עִתֹּתָי, און **רש"י הק'** איז דאס מסביר, "אלע צייטן וואס גייען אריבער אויף מיר, זענען לויט ווי דאס האסט באפוילן און דורך דיינע גזירות".

**און** עס איז פארהאן א רמז, אז די ווארט 'עתתי', איז ר"ת ת'מים ת'היה ע'ם ה' אלוקיך, דאס קומט אונז לערנען אז א מענטש דארף גלייבן און לעבן מיט תמימות מיטן אייבערשטן, אין אלע צייטן וואס גייען אריבער אויף איהם.

### » די כח פון אמונה פון א איד

**און** אין זכות פון מקבל זיין די הנהגה פונעם אייבערשטן מיט אמונה תמימה, ווערט א מענטש געראטעוועט פון יעדן שלעכטס, אזוי ווי די **הייליגע קאברינער ז"ע** (**תורת אבות**, תורה ותפלה מ"א) איז מבאר דאס וואס די גמ' זאגט (**שבת** קיט:) 'א יעדער וואס ענטפערט אמן יהא שמיה רבא מברך מיטן גאנצן כח, צורייסט מען זיין גזר דין', 'כח' איז מרמז אויף די כ"ח עתים וואס עס שטייט אין קהלת (פרק ג'), פון דעם איז דא פערצן שלעכטס און פערצן גוטע, און דאס איז פשט, אז יעדער וואס איז מקבל אויף זיך און דערהייבט די נאמען פונעם אייבערשטן אין אלע סארט מצבים, איז ער זוכה אז עס זאל צוריסן ווערן אלע שלעכטע גזירות.

**און** נישט נאר דאס, נאר ער האט בכח ממשיך צו זיין ישועות, אזוי ווי דעם באוואוסטן טייטש אין ספה"ק **אוהב ישראל** פון **אפטא'ער רב ז"ע**, ווי ער ברענגט עס אין נאמען פון הרה"ק **ר' מיכל'ע זלאטשוב'ער ז"ע**, אויפן פסוק וַיָּבֹא נֹחַ וגו' מִפְּנֵי מֵי הַמַּבּוּל (בראשית ז, ז), און **רש"י** זאגט אויפן פלאץ 'אף נח מקטני אמנה היה' אז נח האט נישט געגלייבט אז עס גייט טאקע קומען די מבול וכו'. און לכאורה איז זייער שווער אזוי צו זאגן אויף נח דער צדיק אז ער זאל נישט גלייבן אין באשעפער, נאר פשט איז אז 'אמונה' אויסער דעם טייטש פון 'גלייבן'

האט ער נאך א טייטש 'אויפציהען' ווי דער פסוק זאגט ביי מרדכי הצדיק וועלכע האט ערצויגן אסתר וַיְהִי אֹמֵן אֶת הֲדַסָּה (אסתר ב, ז) דאס איז א לשון פון 'המשכה וגידול'. דאס וואס א מענטש גלייבט אין א זאך, אין דעם אליין ליגט די כח צו ציהען אט די זאך, דורך די אמונה איז מען ממשיך דאס וואס מען גלייבט.

"**איז** פשט, אז דער צדיק נח האט זיכער געגלייבט אין אלעס וואס דער אויבערשטער האט צו אים גערעדט, און אויך יעצט ווען די מבול האט זיך געדארפט אנפאנגען האט ער ווידער געגלייבט ווי זיין שטייגער אלעמאל, אבער ער האט מורא געהאט אז זיין אמונה וועט אויפטון אז מען וועט שוין בכלל נישט קענען צוריק דרייען די רעדל, אזוי אז די מבול וועט מוזן קומען, דערפאר האט ער געזוכט אן עצה ווי אזוי נישט ער זאל זיין דער גורם דח מבול זאל קומען".

"**און** דאס מיינט רש"י מיט זיינע ווערטער אז נח איז געווען 'מקטני אמנה היה, מאמין ואינו מאמין', באמת האט ער געגלייבט, נאר כדי צו נישט ממשיך בפועל די מבול האט ער פראבירט טון א קונץ צו נישט גלייבן און עס ממשיך זיין, ביז ווי לאנג די וואסער האט אים אריינגעשטופט אינעם תיבה". ע"כ.

**אזוי** אויך ווערט דערציילט אויפן הייליגן **בעל שם טוב** זי"ע, אז עס איז אמאל אריינגעפאלן דארט א איד וואס האט נישט געהאט קיין קינדער, דער בעש"ט האט אים געוואונטשן און א יאר נאכדעם איז ער געהאלפן געווארן מיט א זוהן.

**די** תלמידים האבן געפרעגט דעם רבי'ן 'למה נגרע' פארוואס אונז וועלכע מיר געפונען זיך שטענדיג ביים רבי'ן און באקומען האפטער די ברכות, ווערן נישט געהאלפן, און דער איד וועלכע איז צופעליג אריינגעפארלן איז גלייך געהאלפן געווארן?

**האט** דער בעש"ט זיי געענטפערט: אז דירעקט פאר זיין געוואלדיגע תמימות, און זיין מוירעדיגע אמונה וואס ער האט געהאט אין די ברכה וואס ער האט באקומען, דאס האט אים ממשיך געווען די ישועה. דער בעש"ט האט אויסגעפירט אז דער איד גלייך נאכדעם וואס ער איז דא געווען איז ער געגאנגען קויפן א וועגל ווי נאך פארשידענע געבראכן פארן קינד וואס גייט געבוירן ווערן, און דאס איז געווען די המשכה פון זיין ישועה. עט'ס - האט פארענדיגט דער בעש"ט - זעט אויס אז עטס גלייבט'ס נישט אינגאנצן, און דאס אלט אפ די ישועה.

> *"...ווייל דאס וואס חיות הארגענען איינע די צווייטע אז טאקע נישט ווייל דאס איז 'זייער טבע', נאר ווייל דער אייבערשטער וויל אז יענע און יענע חיה זאל ווערן געהארגעט, דעריבער שטעלט ער אויס אז ער זאל זיך געפונען נאנט צו אן אנדערע חיה וואס האט איהם פיינט, און אזוי ארום ווערט ער געהארגעט..."*

## » וואס איז די מקור פון די נצחיות פון די משכן?!

**און** באמת איז דאס געווען די מעלה פונעם משכן וולכע משה האט געבויט, ווי עס שטייט וְעָשִׂיתָ אֶת הַקְּרָשִׁים לַמִּשְׁכָּן עֲצֵי שִׁטִּים עֹמְדִים (שמות כו, טו), און די גמרא זאגט (יומא עב:) "עומדים - לעד לעולם" ע"כ. אז די משכן פון משה איז א נצחיות'דיגע זאך וואס עקזעסטירט אויף אייביג. דאס מיינט צו זאגן אז טראץ די צוויי בתי מקדשות זענען חרוב געווארן און האבן זיך נישט געאלטן אויף אייביג, אבער די משכן פון משה רבינו איז נגנז געווארן. דאס צייגט אז עס האט א אייביגקייט, א מציאות העכער פונעם טבע וואס דאס טוט אים אלטן אויף אייביג.

**פשט** פון דעם איז אזוי, חז"ל זאגן אין **מדרש תנחומא** 'פון וואו איז געווען די ברעטער פאר די משכן? יעקב אבינו האט עס איינגעפלאנצט בשעת ווען ער איז ארפ קיין מצרים און ער האט געזאגט צו זיינע קינדער, עטס גייט ארויסגיין פון דא - דער באשעפער וועט אייך אויסלייזן - און ער וועט אייך הייסן מאכן פאר אים א משכן, דערפאר פאנגט'ס אן פון יעצט צט איינפלאנצן די ביימער כדי יאר זאלט גלייך האבן די האלץ פארן משכן, און גלייך האבן זיי גענומען איינפלאנצן'. ע"כ.

**ווען** מען טוט אריינטראכטן דערהין, ווען מען קוקט אריין אין די ברעטער פון משכן די 'עצי שטים' זעט מען א מוירעדיגע זאך, כלל ישראל געפונען זיך צווי הונדערט און צען יאר אין א פינסטערע ביטערע גלות, מיט שווערע ארבעט, מען קען נישט ארויסגיין פון דארט, יעדער איינער קומט א היים ביינאכט אנגעשלאגן און צובלוטיגט אינגאנצן, זיין פרוי וויל אים שיין אויפנעמען און אים דערקוויקן זיין הארץ מיט אביסל עסן און טרינקען, אבער ער איז נאכנישט גרייט, וואס איז, ער דארף נאך גיין באגיסן די ביימעלע, וועלכע ביימעלע - פרעגט זיין פרוי, ענטפערט דער איד'ל'ע 'די בוים וואס דער זיידע יעקב האט איינגעפלאנצט, און מען וועט זיך באנוצן מיט דעם פארן משכן ווען עסו ועט קומען די צייט און מען וועט ארויסגיין פון מצרים'. דאס צייגט אז אינעם ביטערן מצב פונעם גלות האבן זיי געהאט די קלארע און ריינע אמונה אז עס גייט קומען א גאולה.

**אונז** קענן מיר זיך גארנישט פארשטעלן וואספארא אמונה דא ליגט, מיט וועלכע אמונה די ברעטער זענען איינגעזאפט. אזעלכע ברעטער בלייבן אויף אייביג, דאס איז א נצחיות'דיגע זאך, דאס קען נישט פארלוירן ווערן, ווייל דאס שרייט ארויס אמונה ובטחון צום אויבערשטן.

**און** ווי אויבנדערמאנט פון אפטא'ער רב זי"ע אז אמונה איז המשכה, איז פשט אז דאס אליין האט זיי צוגעברענגט די גאולה און אז די משכן זאל זיך בויען, אבער נישט נאר אלס א צייטווייליגע זאך, דאס האט צוגעברענגט א משכן וואס עקזעסטירט אויף אייביג.

**און** איך האב געזעהן אין א ספר, א שיינע רמז אויפן פסוק (משלי כח, כ) אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת, דאס הייסט, אז א מענטש וואס גלייבט און איז דורכגעווייקט מיט אמונה שלימה אינעם אייבערשטן, אזא מענטש האט כח ממשיך צו זיין און משפיע זיין ברכות, ברוחניות און בגשמיות, ווי אויבן געזאגט, אז אמונה איז א המשכה.

## » די פון אמונה ארבעט אויך אויף די צווייטע זייט!!

**די גמ'** (בב"מ לג.) זאגט, אז איינער וואס טרעפט זיין אייגענע אבידה און די אבידה פון זיין רבי און זיין טאטע, מעג ער נעמען קודם זיין אייגענע אבידה, און די גמ' פירט דארט אויס, "האט רב יהודה געזאגט אין נאמען פון רב, יעדער וואס איז דאס מקיים ביי זיך, וועט צום סוף דארפן צוקומען צו דעם".

**שרייבט** אויף דעם דער **מהר"ל** (בחי' אגדות), ווי פאלגענד: "ווייל א יעדער וואס האט מורא פון א געוויסע זאך, קומט אן צו יענע זאך, ווייל א מענטש קען ענדערש פועל'ן עפעס זאל געשעהן פאר זיך, ווי עס זאל געשעהן פאר אן אנדערע וכו', ווען א מענטש האט מורא פון ארימקייט, גיבט ער אן עקזיסטענץ פאר דעם מיטן עצם טראכטן פון דעם, און דורך דעם קומט עס, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (איוב ג, כד) וַאֲשֶׁר יָגֹרְתִּי יָבֹא לִי, ווען ער האט מורא פון עפעס, און ער איז נוטה אנצוקומען צו יענע מצב פון וואס ער האט מורא, באקומט ער עס וכו', עכ"ל המהר"ל.

**און** אין **ילקוט שמעוני** שטייט אן ענדליכע מורא'דיגע זאך, און אזוי שטייט דארט (איוב, אות כג, ג): "וואויל איז דער מענטש וואס ער האט יסורים און ער רעדט זיך נישט אפ אויפן מדת הדין. האט רבי חנינא בר פפא געזאגט, ווען נישט וואס איוב האט זיך אפגערעדט אויפן מדת הדין ווען ער האט באקומען יסורים, וואלט מען געזאגט אויף איהם אלהי איוב פונקט אזוי ווי מען זאגט היינט אלהי אברהם אלהי יצחק ואלהי יעקב." עכ"ל.

**קוקט** נאר אריין אין וואס די **חיד"א** שרייבט אין זיין ספר (מתוק דבש ט) אויף דעם נסיון פון דוד המלך, און אויף דעם וואס ער איז דאס בייגעשטאנען און מקבל געווען באהבה. ער שרייבט ווי פאלגענד: "דוד מלך ישראל מיט זיין גאנצע צדקות און דבקות, מיטן שטערן זיין שלאף ביי די נעכט כדי צו לערנען, האט ער נאכאלץ נישט זוכה געווען צו ווערן די פערטע פיסל פונעם מרכבה כביכול, נאר נאכדעם וואס שמעי בן גרא האט איהם אזוי פארשעמט און געשאלטן און ער האט איהם גארנישט געטוהן, און האט געגלייבט אז 'די באשעפער האט איהם געזאגט צו שעלטן'", עכ"ל.

**דאס** הייסט א מענטש וואס קעןביישטיין די נסיון פון מקבל זיין יסורים באהבה, קען זיך דערהייבן צו די זעלבע דרגה און קדושה און דביקות צו די אבות הקדושים, און למעשה זעהט מען אז דוד המלך האט זוכה געווען צו אט דעם דרגה טאקע וועגן ער איז בייגעשטאנען דעם נסיון באמונה.